# ס׳געפּעט

כ׳קום איצט פון היילן, פון וואַלד און פון פעלד.
וווּנדערלעך, וווּנדערלעך גאָט, איז דיין וועלט —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

מער ווי די שרעק פאַר מיין היימישער שטאָט
יאָגט מיך דער פּחד פון אייגענעם טראָט —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

ווי גרויזאַם דאָ איז? ווי רואיק, ווי שטיל?
אויך איך בין פאַרגרויזאַמט און מיד שוין פון שפּיל —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

כ׳בין מקנא דעם שטיין וואָס עס וואַרפט װער אַריין
אין אַ ברונעם אַריין און ער זינקט דאָרטן איין —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

דיין רוף: יהי אור, איז פאַרטונקלט און שוואַרץ.
ס׳איז הפקר מיין לעבן. נאָכנישט מיין האַרץ —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?